# דברי התעוררות
## נגד הפירצה החדשה של
# "מוזיק אקאדעמיע"
## אצל הנשים

# דרשת
## הרה"ג ר' מנשה פילאפף שליט"א
רב דקהל מהר"י ט"ב

עס איז לעצטנס אריינגעקומען א נייע פירצה, אן פרעגן א דעת תורה האבן פרויען אנגעהויבן צו אדווערטייזן אין פארשידענע אויסגאבעס, וואס קומט אפילו אריין אין די בתי מדרשים, אז עס האט זיך געמאכט אין וויליאמסבורג א אקאדעמיע פאר מוזיק, וואו פרויען און עלטערע מיידלעך וועלכע ארבעטן שוין, און אויך יונגערע מיידלעך, זאלן זיך דארט צוזאמקומען צו עסן און זינגען מיט מוזיק, מיט כלי שיר, צו שפילן מיט א גיטאר און א פיאנאו און אנדערע כלי שיר, צו פראווען א.ג. "קומזיץ" פון פרויען און מיידלעך.

מען מאכט א קביעות אויף באשטימטע שעה'ן ווען איבערן גאנץ יאר וועט מען זיך צוזאם קומען שפילן מיט מוזיק, און מען לייגט עס נאך אריין אין דער קדושה, אז ווען עס קומט ראש חודש און חנוכה וועט מען זינגען הלל מיט א גיטאר און אנדערע כלי שיר, מען וועט זינגען צוזאמען באגלייט מיט מוזיק, און פארברענגען מיט עסן און טרינקען, ווי אויך וועלן אויפטרעטן פרויען גאסט-זינגערן מיט געזאנגען.

### חדש אסור מן התורה

דאס איז א שרעקליכע פירצה חדשה, וואס איז קיינמאל נישט געווען צווישן דעם היימישן ציבור, עס קומען די הייליגע טעג חנוכה זאגט מען גאר אז דאס איז דער בעסטער וועג ווי אזוי צו פראווען דעם יו"ט חנוכה, אז פרויען וועלן זיך צוזאמקומען אויסגעבן זייער הארץ דורך זינגען

הלל און די ניגונים פון חנוכה מיט מוזיק. יעדער וועט מיטברענגען אלע זיינע מוזיקאלישע כלים און מען וועט זינגען צוזאמען.

קודם פאר אלעמען דער עצם זאך איז א נייע זאך, א זאך וואס איז חדשים מקרוב באו לא שערום אבותינו ווי באקאנט וואס דער חתם סופר שרייבט "חדש אסור מן התורה" אויב איז דאס נישט געווען ביי אונזערע מאמעס און ביי אונזערע באבעס, ביי ערליכע אידן איז קיינמאל נישט געווען אזא זאך, איז דאס אליינס א פראבלעם, ווי שלמה המלך ע"ה זאגט אין שיר השירים אם לא תדעי לך היפה בנשים, צאי לך בעקבי הצאן. שלמה המלך זאגט אונז, אז דער ריכטיגער וועג ביי יעדע פראגע אויב ווייסט מען נישט וואס איז די ריכטיגע וועג צאי לך בעקבי הצאן דארף מען גיין אין די פוס טריט פון אונזערע עלטערן פון די פריערדיגע דורות. אויב אין די פריערדיגע דורות האט מען עס נישט געטוהן, דארפן מיר עס אויך נישט טוהן, מיר טארן נישט מאכן נייע זאכן, וואס מיר ווייסן נישט פון פריער אפצושאצן וואס פאר א מכשולות עס וועלן פון דעם ארויסקומען.

## דרכי הגוים

אבער באמת, די זאך פון מוזיק אקאדעמיעס שטאמט פון די גוים, עס שטאמט פון די רעפארמער, וואס זיי האבן נאך געטוהן די דרכי הגוים, ווי עס שטייט אין ייטב לב אז דער עצם זאך זיך צוזאמצונעמען און צו שפילן מיט מוזיק, איז א זאך וואס קומט פון די גוים, און די רעפארמער האבן עס אריינגעברענגט ביי אידן, עס איז קיינמאל פריער נישט געווען ביי אידן אזא זאך. נאר ווען עס קומט צו א שמחה של מצוה, ווי שמחת חתן וכלה, שפילט מען מיט מוזיק, צו ביי שמחת החג, אבער סתם איבערן יאר איז קיינמאל נישט געווען ביי אידן אז מען זאל זיך צוזאמקומען און שפילן מוזיק, צו פארברענגען די צייט מיט מוזיק, בפרט אויסצולערנען די קינדער צו שפילן מיט כלי זמר. מען טוט דאך עס היינט אויך פאר אינגלעך תשב"ר, אריינברענגען אין זיי די תאווה צו חכמת המוזיק וואס ציעט אוועק דאס הארץ פון א קינד פון חשקת התורה.

א אקאדעמיע פאר מוזיק איז א זאך וואס שטאמט פון די רעפארמער, סיי ביי אינגלעך, און סיי ביי מיידלעך, און סיי ביי ערוואקסענע, און בפרט ביי פרויען, עס שטייט דערפון אסאך אין די ספרים פון הייליגן צדיק רבי הילל קאלאמייער זי"ע, ער שרייבט פון דעם אין זיינע ספרים, משכיל אל דל, שיירי משכיל, עת לעשות, ער דערמאנט אז די מתחדשים האבן געגרינדעט אזעלכע שולעס, טאנץ שולעס, מוזיק שולעס, וואו מען האט אויסגעלערנט די מיידלעך צו שפילן מוזיק און טענץ מיט געזאנגען און ער שרייבט שארף אקעגן דעם.

איינע פון די חורבנות וואס די רעפארמער האבן אריינגעברענגט ביי אידן, און דורכדעם אראפגעפירט אידישע טעכטער פון אידישן וועג, איז געווען דורך מוזיק קלאסן וואס מען ברענגט אין זיי אריין שחוק וקלות ראש המרגילין את האדם לערוה רח"ל.

## קול באשה ערוה

אויך איז זייער שכיח, אז ווען פרויען און מיידלעך קומען זיך צוזאם, צו זינגען און טאנצען ווערט מען נכשל אין קול באשה ערוה, וואס איז גאר א הארבע זאך (כמבואר בשו"ע אהע"ז סי' כ"א), אפילו ווען פרויען זינגען סתם אזוי אן כלי שיר. עס איז ידוע אז דער בעלזער רב הגה"ק רבי ישכר דוב זי"ע, איז איינע פון זיינע טענות וואס ער האט געהאט קעגן די בית יעקב מיידל שולעס בימים ההם געווען, אז מען לערנט אין די שולעס אויס די קינדער זינגען, אויך דער לעצטער בעלזער רב הרה"ק רבי אהרן זי"ע האט זיך אויסגענומען ביי זיינע מיידל שולע'ס, אז מען זאל נישט לאזן די מיידלעך זינגען ווייל דער טאטע ז"ל האט זייער שטארק מקפיד געווען דערויף.

כאטש רביה"ק מ'סאטמאר זי"ע האט יא געלאזט אין זיינע מיידל שולעס זינגען, אבער בתנאי גדול

**וכפול, אז עס זאל אויף קיין שום פאל נישט קענען צוקומען אז מענער זאלן הערן דעם קול באשה ערוה, פון די מיידלעך וואס זינגען.** מען דארף זייער נזהר זיין פון מכשיל זיין מענער פון הערן ווי די פרויען זינגען, וואס איז א מכשול גדול ונורא, און מען האט עס טאקע באגרעניצט, אז עס זאל נישט קענען אויסקומען אז אין די מיידל שולעס אדער מיידל קעמפס זאלן מיידלעך זינגען אויף א פלאץ פון וואו מענער קענען ארויסהערן, ווי ער האט אלעמאל אנגעווארנט דערויף, ווי עס שטייט אין ספר "חינוך הבנות" (פרק ה') די תקנות וואס רביה"ק האט מתקן געווען אין די בית רחל שולע אקעגן קול באשה.

די גמרא זאגט, אז ווען פרויען זינגען בשעת מענער הערן איז עס א פריצות. וואס מען איז מחויב עס צו מבטל זיין, אפילו ווען מען מיינט אז מענער הערן נישט, קען מען נישט וויסן, עס קען זיין אז שכנים הערן יא, עס איז דאך נישט באגרעניצט צו א געוויסע פלאץ, ווייל אז די פירצה הייבט אן אריינצוקומען, בלייבט עס נישט נאר ביי איין פלאץ, און נישט נאר אין איין הויז די פירצה ווערט ברייטער און ברייטער, עס קען חלילה צוקומען אז מען זאל ח"ו הערן קול באשה ערוה אין אלע גאסן.

עס זענען שוין דא אזעלכע וועלכע מאכן מוזיק פארברענגען'ס ביי מסיבות מצוה פאר פרויען, פאר פארטי'ס פאר צדקה צוועקן, ווי חשוב די מצוה זאל נאר זיין, אויב עס קומט ארויס דערפון א קול באשה ערוה, פאר די ארומיגע שכנים איז עס א מכשול גדול ונורא!.

**ווי אויך איז דאס א פריצות ווען מען זעט פרויען און מיידלעך שלעפן זייערע גיטארן אויף די פלייצעס גייענדיג צו די מוזיק אקאדעמיעס.**

## הערן כלי שיר נאכן חורבן

אבער אפילו אן דעם, איז דער ענין פון שפילן מיט מוזיק זייער א הארבע זאך, עס שטייט אין דער גמרא אין מסכת סוטה (דף מ"ט), און אין שולחן ערוך אורח חיים סימן תק"ס, אז די חכמים האבן גוזר געווען נאכן חורבן בית המקדש, אז מען זאל נישט זינגען מיט כלי שיר וואס מאכן פריילעך, נאר ביי שמחת חתן וכלה, וואס דאס איז זייער א גרויסע זאך איז עס א מצוה. און אויך זענען געווען אזעלכע וואס אין די חול המועד טעג צוליב שמחת החג, האט מען געשפילט מיט מוזיק, בלויז דאס מעג מען, און נישט אין אנדערע צייטן.

אבער סתם אזוי צו שפילן מוזיק, שרייבט דער מחבר להלכה אז מען טאר קיינמאל נישט, נאר דער רמ"א ברענגט א יש אומרים אז מען מעג יא שפילן מיט כלי שיר, מען האט נאר גע'אסר'ט די וואס זענען שטענדיג געוואוינט מיט דעם אז זיי לייגן זיך שלאפן און שטייען אויף ווען עס שפילן כלי שיר, אדער בשעת מען טרינקט וויין, אדער ווען מען עסט סעודות, ווי דער משנה ברורה שרייבט, אז די וועלכע עסן סעודות בשעת מען זינגט דערביי מיט מוזיק, איז אן איסור. ווייל די מענטשען וואס מען זינגט ביי זיי שטענדיג, עס איז ביי זיי א רגילות און א מנהג צו שפילן מיט כלי שיר דאס איז אסור לכל הדעות, אויך לויט די מתירים.

דער מגן אברהם ברענגט אז דער ב"ח און אנדערע פוסקים נעמען אן לאיסור צו זינגען סתם אפילו אן וויין, ער שרייבט אז מען דארף מוחה זיין קעגן די פרויען וועלכע זינגען געזאנגען מיט'ן מויל בשעת זייער ארבעט. נאר אויב דאס העלפט זיי צו די ארבעט מעג מען, אבער לשחוק בעלמא טאר מען נישט זינגען ביי די ארבעט, און זיכער נישט שפילן מיט מוזיק כ"כ במשנה ברורה.

דאס רעדט מען אפילו איבער פריוואטע פרויען וואס זינגען, אבער זיך צוזאמקומען צו א קומזיץ פון גרופעס פרויען ובפרט צו מאכן פון דעם א אקדעמיע זיך צו לערנען שפילן אויף א גיטאר און פיאנאו, א פיאנאו איז אמאל נישט אריינגעקומען אין א ערליכע אידישע שטוב. דאס שטאמט פון די גוים און די רעפארמער, וועלכע האבן עס אריינגעברענגט ביי אידן, נאכצוגיין די דרכי הגוים,

די פרויען וואס ארבעטן אויף פרויען קומזיצן ארייננצובריינגען ביי חרדישע משפחות אזא פירצה פון די אלע מיני כלי שיר, זאלן וויסן פון וואו דאס שטאמט!, עס שטאמט פון די רעפארמער, וואס דאס איז געווען פון די ערשטע פירצות וואס די רעפארמער האבן אריינגעברענגט ביי אידן, ארייננצוברענגען דעם כלי שיר "ארגעל" אין די שוהלן. זיי האבן איינגעפירט מען זאל שפילן מיט מוזיק ווען מען דאוונט פאר'ן אייבערשטן, אפילו אום שבת האבן זיי עס מתיר געווען צו שפילן דורך א גוי, אז א גוי זאל שפילן מיט אן ארגעל אין די שוהלן, און אויך אז פרויען זאלן אין ווייבער שול שפילן מיטן ארגעל.

## דער איסור פון שפילן מוזיק ביי הלל

דער חתם סופר אין די תשובות חלק ו' סי' פ"ד, שרייבט שארף אקעגן דעם, ער זאגט, אז אדרבה צו זאגן שירות ותשבחות פאר'ן אייבערשטן טאר מען נישט היינט שפילן מיט מוזיק, כאטש אין בית המקדש איז געווען כלי שיר, ווי מען ווייסט אז די לוים האבן געשפילט די שירות ותשבחות מיט כלי שיר מוזיק, אבער זינט עס איז חרוב געווארן דער בית המקדש, האט מען געאסרט צו שפילן מיט מוזיק אפילו פאר'ן אייבערשטן, דאס מיינט אז דאס שפילן מוזיק ביי "הלל" איז נאך הארבער.

דער חתם סופר ברענגט (אין תשובה פ"ו) דעם פסוק "איך נשיר את שיר ה' על אדמת נכר" (תהלים קל"ז). דער פסוק דערציילט, אז די לוים האבן נאכ'ן חורבן אוועקגעלייגט זייערע פידלען, און ווען די גוים האבן זיי געבעטן זיי זאלן זינגען מיט כלי שיר האבן זיי געזאגט, איך נשיר את שיר ה' על אדמת נכר, ווי קענען מיר זינגען דעם אייבערשטנ'ס ניגונים על אדמת נכר, אין פרעמדע לענדער אין גלות. שרייבט דער חתם סופר, עס שטייט נישט, "לפני בני נכר", נאר עס שטייט "על אדמת נכר", פון דעם לערנט מען ארויס אז היינט ווען מיר זענען גלות, איז אונז גע'אסר'ט געווארן צו שפילן מיט מוזיק אין יעדן פאל, כאטש מען רעדט דאך דארטן פון שפילן מוזיק פארן אויבירשטן, ווי דער פסוק זאגט, "על ערבים בתוכה תלינו כנורותינו", זיי האבן אויפגעהאנגען זייערע פידלען, אבער זינגן מיט'ן מויל שירות ותשבחות דאס מעג מען יא, ווייל דאס איז נישט אזוי שיין ממילא איז נישטא אזא גרויסע שמחה יתירה ווי מיט מוזיק, דעריבער איז עס נישט אסור, דעריבער איז היינט געבליבן אין בית המדרש אז מען זינגט פאר'ן אייבערשטן נאר מיט'ן מויל נישט מיט מוזיק, עיי"ש.

עס איז דא איבער דעם ענין אויך תשובות פון הגאון רבי עקיבא אייגער זצ"ל, און אנדערע גדולים פון יענעם דור וואס זענען ארויסגעגאנגען בחרב ובחנית קעגן די פורצים די רעפארמער, און ווי געזאגט, די ערשטע פירצה וואס די רעפארמער האבן אנגעהויבן פורץ זיין מיט צוויי הונדערט יאר צוריק, איז געווען אז זיי האבן אריינגעברענגט דעם "ארגעל" אין די שוהלן אריין.

עס זענען דאן געווען אזעלכע וואס האבן געוואלט איינפירן צו שפילן מיט "ארגעל" אין בית המדרש ביי די מענער, און עס זענען געווען אזעלכע וועלכע האבן געוואלט מאכן אז מען זאל נאר לאזן שפילן דעם "ארגעל" ביי די פרויען אין ווייבער שול, שרייבט דער חתם סופר (חו"מ סי' ק"צ), אז דאס איז נאך ערגער, ווייל קול באשה ערוה. און עס איז אסור פאר פרויען צו זינגען מיט מוזיק אפילו לכבוד המלך וואס איז געקומען אין שול, היינט ליידער גייט מען מחנך זיין אונזערע קינדער צו א נייע מאדע פון "מוזיק אקעדעמיע", **אריינברענגען די פירצה פון כלי שיר ברבים, אז פרויען זאלן זיך צוזאמקומען צו קומזיצן, צו שפילן און עסן מיט שחוק וקלות ראש און מיט הוללות, מי יודע וויפיל שרעקליכע פירצות עס קענען נאך ארויסקומען דערפון ה"י, ואיזהו חכם הרואה את הנולד**, וכמו"ש הגה"צ משארמאש זצ"ל שו"ת תפארת נפתלי חאו"ח סי' מ"ב.

דעריבער דארף מען עס באצייטנס אפשטעלן די פירצה, די מוזיק אקאדעמיע'ס האט נישט באקומען קיין שום הסכמה פון רבנים גדולי הדור, און עס קען נישט האבן קיין הסכמה, ווייל עס

איז קעגן דעת תורה און אקעגן די מסורה וואס מיר האבן געהאט ביז היינט, עס איז נישט דער דרך ישראל סבא, עס איז נישט דער וועג פון אונזערע עלטערן, אונזערע מאמעס און אונזערע באבעס האבן דאס קיינמאל נישט געטוהן. זיך צוזאמקומען אויף קומזיצן פון מוזיק, אדער זיך גיין לערנען אין אן אקאדעמיע פאר מוזיק, ווי רופן זיי עס, אריינצוברענגען די חכמת המוזיק ביי די היימישע פרויען, פאר עלטערע פרויען, און מיידלעך וועלכע ארבעטן, און פאר יונגערע קינדער. דאס ברענגט אריין א גייסט פון פריקת עול רח"ל אין היימישן ציבור.

ווער רעדט נאך ביי אינגלעך, וואס עס איז אויפגעקומען דורך רעגירונג'ס פראגראמען פאר "טאלאנט קלאסן", אז מען לערנט אויס פאר די אינגלעך וויאזוי ארויסצוברענגען זייערע טאלאנטן, ער זאל קענען שפילן אויף א גיטאר אד"ג, מען ציעט זיי מיט דעם אוועק פון דער תורה הקדושה, ארייצולייגן דעם קאפ פון א קליין אינגל אין חכמת המוזיק, וואס ציהט אוועק זיין מח און הארץ פון חכמת התורה באלד אין די יונגע יארן.

עס איז איבער געגנוג וואס מען איז געצוואונגען צו לערנען לימודי חול פון דער רעגירונג, אבער אליין צו שיקן קינדער צו רעגירונג'ס פינאנצירטע טאלאנט קלאסן, וואס די רעגירונג פארלאנגט אפילו נישט, מען טוט עס אליינס אריינברענגען צוליב תאוות הממון, דאס ברענגט א שרעקליכן חורבן. דעריבער דארף מען זעהן דאס צו אפשטעלן באצייטענס.

אין זכות וואס מען וועט היינט בזמן הגלות מבטל זיין די כלי שיר, וועלן מיר זוכה זיין צו הערן די ריכטיגע כלי שיר אין בית המקדש, און עס זאל זיין אזוי ווי מען זאגט, "בני בינה ימי שמונה קבעו שיר" ורננים, עס זאל זיין בני בינה, מען זאל האבן בינה דעם ריכטיגן פארשטאנד, וואס מען מעג יא זינגען על פי תורה און וואס מען טאר נישט על פי תורה, און מיר זאלן זוכה זיין צו הערן די לוים זינגען מיט כלי שיר ביי די קרבנות, וואס דארט זאגט די גמרא, איז דער עיקר שמחה בכלי שיר, ווען מיר וועלן זוכה זיין צו זען דעם בנין ציון וירושלים בביאת משיח צדקנו במהרה בימינו, אמן.

# דרשת

## הרה"ג ר' ישעי' אשר אנשיל ווייס שליט"א

רב דקהל אור לישרים

איך וויל מעורר זיין איבער אן ענין, וואס איז לעצטנס געווארן אדווערטייזט עפעס א נייע איינגעפירעכץ, פון פרויען וועלכע קומען זיך צוזאם אויף א פלאץ, און מען פארברענגט מיט מוזיק און זינגען, עס האט א נאמען, עס ווערט אדווערטייזט אלס א "קום-זיץ" ספעציעל פאר פרויען דא אין וויליאמסבורג.

דאס איז א נייע זאך וואס פלעגט נישט זיין ביז היינט, און דער גאנצער תוכן פון דער גאנצער זאך, דער נאמען אליינס, וואס מען רופט עס אן אזוי קום-זיץ, דאס איז א גוי'אישער נאמען, אויף א גוי'אישער פארברענג. עס איז באמת זייער נישט פאסיג פאר אידישע טעכטער, אזא מין סארט פארברענג, א פארברענג, וואס ווערט אנגערופן א בחינה פון הוללות. עס האט באמת נישט קיין אויסדרוק אויף דער אידישער שפראך, און עס איז זיכער נישט אויסגעהאלטן, מען דארף זיך דערווייטערן דערפון מיט אלע כחות.

מען האט געהערט, אז עס איז שוין עטליכע יאר וואס עס איז געווארן איינגעפירט ביי מענער אזא סארט זאך, אזא מין סארט קום-זיץ, וואס מען קומט זיך צוזאם, מען פארברענגט און מען זינגט, מען טרינקט זיך אן, און נאך פארשידענע נישט קיין איידעלע זאכן וואס מען טוט. און אפילו אמאל איז עס אנגעטוהן מיט א לבוש פון אידישקייט, וואס מען לייגט עס צו צו א דבר שבקדושה, סיי ביי די מענער און סיי ביי די פרויען, איז עס א תחבולה פון יצר הרע צו אריינכאפן מיט א אידישקייט זאך, אז אידישע קינדער זאלן זיך איינפירן מיט גוי'אישע מנהגים.

יעדער זאך וואס דער שורש הדבר, קומט פון גוי'אישקייט, איז מוחזק אז עס קומט פון די כחות הטומאה, עס ברענגט נישט קיין גוטס, מען קען נישט אויסרעכענען בשום אופן וואספארא מיני מכשולות עס קען ברענגען, דעריבער שומר נפשו ירחק מהם.

בפשטות דער גאנצער געדאנק דערפון ווייסט מען, דער לעבן פון א גוי איז דאך פוסט און פראסט, ער האט נישט קיין שום תכלית אין זיין לעבן, נישט קיין שום ערנסטקייט. זיין גאנצער לעבן, איז עסן און טרינקען און זיך ענדזשויען און מאכן א לעבן מיט נארישקייטן און הבל הבלים, אן קיין שום תוכן און אן קיין שום תכלית, ווייל דער גוי האט באמת נישט קיין שום תכלית אין זיין לעבן, אויסער זיך אויסגעבן זיינע נארישע בהמי'שע תאוות וואס דער גוי האט.

אבער אידישע קינדער זענען דאך אן עם הנבחר, אן עם סגולה, הייליגע אידישע קינדער, וואס זייער לעבן איז געמאכט געווארן אויף ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום, די תורה הקדושה ווערט אנגערופן תורת חיים, כי הם חיינו ואורך ימינו, אלה הדברים אשר יעשה אותם

האדם וחי בהם, תורה און מצוות, אידישקייט און ערליכקייט גיט חיות פאר א איד, און א אידישע פרוי דארף טרעפן חיות ביי זיך אינדערהיים מיט קאכן און באקן, מיט אנגרייטן א שטוב, מחנך זיין קינדער, דאס איז די עבודה פון א איד, א אידישע שטוב איז א בית המקדש, די ארבעט וואס א אידישע מאמע טוט דארף זיין הייליג און ערנסט, אפילו אלע גשמיות'דיגע זאכן וואס מען טוט.

אבער זיך צוזאמקומען לשם פארברענגען, איז געמאכט געווארן נאר פאר א גוי, וועלכער האט נישט עפעס אנדערש אין זיין לעבן. וואס זיין לעבן איז אזוי ווי א חיה און א בהמה.

דער גאנצער ענין פון זינגען ביי פרויען, איז אן אפגעפרעגטע זאך אינגאנצן, דאס איז א זאך וואס ברענגט מכשולות, א פרוי האט נישט וואס צו צורירן צו א כלי זמר, קיין שום כלי זמר האט נישט קיין פרוי וואס צו צורירן. פארוואס דארף א פרוי זינגען פון א כלי זמר. וואו קומט עס צו נוץ, פארוואס קומט עס צו נוץ. נאר פאר מכשולות חס ושלום.

אפילו ווען מען קומט זיך צוזאם למשל און מען זינגט ניגונים פון אידישע פסוקים, מען ווייסט די גמרא זאגט אין מסכת סנהדרין, אז ווען איינער זינגט א פסוק אין א טרונק הויז, אין א פלאץ וואו מען פארברענגט, ברענגט ער חס ושלום שלעכטס אויף דער וועלט, עס שטייט אין דער גמרא, די תורה טוט זיך אן א זאק, און גייט צום אייבערשטן און זאגט אים, רבונו של עולם דיינע קינדער האבן מיך געמאכט אזוי ווי א פידל וואס די לצים שפילן זיך דערמיט. מען נוצט פסוקים פון תנ"ך, מאמרים פון דער גמרא, און מען זינגט עס אויס אויף א ביליגן אופן. עס איז א בזיון פאר דער תורה, עס איז א בזיון פאר די פסוקים. עס ברענגט חס ושלום רעה לעולם, עס איז א זילזול אין דער תורה הקדושה, עס איז א זילזול אין די פסוקים.

אידן ווייסן, מען קומט אין בית המדרש, ביים דאווענען זינגט מען הלל, עס קומען זיך צוזאם אידן אין די ימים טובים, אין חנוכה וכדומה און מען זינגט פסוקים, ביי א סעודת מצוה, וכדומה, אבער סתם אזוי זיך צוזאמקומען אויף א פלאץ צו פארברענגען און זינגען, דאס איז ביליג געמאכט די תורה הקדושה, ביליג געמאכט די פסוקים.

באמת, מען דארף בכלל נישט אריינגיין אין פרטים, וויפיל מיני חסרונות די זאך האט, ווייל דער ערשטער תנאי ביי א איד איז, ביי יעדער נייער זאך דארף ער זיך אליינס פרעגן די שאלה, צו האב איך עס געזעהן ביי מיין טאטן, צו האב איך עס געזעהן ביי מיין מאמען, און אויב נישט, איז זיכער אז עס איז נישט אויסגעהאלטן. יעדע נייע זאך, בפרט אז עס קומט נאך פון די גוים איז עס זיכער אפגעפרעגט. אויב מען האט עס אמאל נישט געטוהן, האט מען עס נישט געטוהן בדוקא, ווייל מען האט געהאלטן אז מען דארף עס נישט טוהן, און מען טאר עס נישט טוהן, און אויב מיר ווילן זיך האלטן ביי אידישקייט איז נישטא קיין שום אנדערע עצה נאר זיך צו האלטן שטרענג ביי דעם וואס מען האט געזעהן אין די פריערדיגע דורות, דאס וואס מען האט געזעהן אין די פריערדיגע דורות איז א תורה שלימה, און מען טאר זיך נישט אוועקרירן דערפון.

ליידער זענען דא היינט אויף דער וועלט אזויפיל צרות, אזויפיל פראבלעמען ביי אידישע קינדער, א אידישע מאמע קען זיצן אינדערהיים און זאגן תהלים, בעטן דעם אייבערשטן אז אידן זאלן געהאלפן ווערן מיט אלעס גוטס, אויף דעם אופן קען מען פועל'ן. אבער מיטן גיין הוליען, גיין פארברענגען, גיין מאכן א לעבן, איז אנשטאט אויסצו'פועל'ן אלעס גוטס, איז עס פארקערט חס ושלום, מען זאגט כאילו פאר'ן אייבערשטן, עס גייט מיך גוט, איך קען מאכן א לעבן, יעדער איד דארף צו זיין צעבראכן און ווארטן אויף דער גאולה, און בעטן דעם אייבערשטן ער זאל אוועקנעמען אלע פראבלעמען.

דאס קען מען נאר טוהן מיט אן ערנסטקייט, מיט אן איינגעהאלטנקייט, מיט א כל כבודה בת

מלך פנימה, נישט מיט גיין פארברענגען דורך גוי'אישע מיני שטיק.

עס איז כדאי צו זעהן ווי אזוי אמאליגע רבנים, אמאליגע צדיקים האבן אנגעקוקט אזא סארט זאך, עס איז דא א תשובה אין שו"ת ויען יוסף פון פאפא'ער רב זצ"ל אין יורה דעה סי' צ' וואס ער האט עס געשריבן דא אין אמעריקע, פאר איבער זעכציג יאר צוריק. איינער פרעגט אים א שאלה איבער געוויסע פירצות וואס איז דאן געווען ביי פרויען און מיידלעך, ביים סוף פון דער תשובה דערציילט ער א מעשה וואס איז געווען ביי זיין עלטער פעטער, ביים הייליגן קרן לדוד פון סאטמאר זי"ע, וואס דער פאפא'ער רב איז געווען א תלמיד מובהק פון קרן לדוד.

דער קרן לדוד האט געהאט א תלמיד אן עושר א גרויסער גביר, וואס האט געפירט א גרויסע ביזנעס, ער איז געווען א יעקישער איד, א מגולח, וועלכער איז געגאנגען אן קיין בארד, ער איז געווען אן ערנסטער איד, אבער ער איז נישט געווען קיין חסידי'שער איד. ער האט געהאט א גרויסע ביזנעס, און די ביזנעס איז געווען פון א מין כלי זמר וואס האט דאן געהייסן קלאוויר, און דאס איז געווען זיין געשעפט, אז ער האט פארקויפט כלי זמר.

האט ער געפרעגט א שאלה פון זיין רבי'ן דער קרן לדוד, אז אזוי ווי עס איז געווען א גרויסער געשעפט האט ער געדארפט האבן אז זיין טאכטער זאל ארויסהעלפן אין געשעפט באדינען די קונים, דער סדר איז דאך געווען, אז בשעת מען האט פארקויפט די כלי זמר האט מען געדארפט באדינען די קאסטומער'ס, און ווייזן ווי אזוי די מוזיקאלישע אינסטרומענטן ארבעטן. האט ער געוואלט שיקן זיין טאכטער צו א פלאץ וואו מען לערנט אויס צו שפילן מיט די כלי זמר, כדי זי זאל קענען באדינען די קאסטומער'ס, און נישט זי זאל זינגען חלילה, אדער שפילן פאר זיך, נאר פשוט לצורך פרנסה, צו צייגן פאר די קליענטן ווי אזוי די כלי ארבעט.

אבער דער קרן לדוד האט אים נישט געוואלט מתיר זיין, אפילו עס איז געווען לצורך פרנסה, עס האט אויסגעפעלט, כאטש יענער איז נישט געווען צו א פרומער, חסידי'שער איד, אבער דאך האט ער געוואלט הערן פון זיין רבי'ן, וואס ער זאגט, און די תשובה איז געווען ער זאל בשום אופן נישט שיקן זיין טאכטער זיך לערנען ווי אזוי דער כלי זמר ארבעט. און פארשטייט זיך אז ער האט געפאלגט.

פירט אויס דער פאפא'ער רב, קוק דעם חילוק צווישן דעם פריערדיגן דור און דעם היינטיגן דור, היינטיגע צייטן, וואלט אפילו נישט איינגעפאלן צו פרעגן אזא שאלה, פארוואס עפעס נישט, וואס איז דען דער פראבלעם, אזוי ווי מען זעהט יעצט, אז מען איז אנגעקומען צו דעם אז מען גייט זיך לערנען סתם פאר שוואוילטאג, פאר גארנישט און פאר נישט, סתם צו פארברענגען די צייט.

**און מען זאל זיך אויסלערנען אז די זאך שטעלט זיך נישט אפ, נאר יעדע פירצה ברענגט א צווייטע פירצה, מען איז זיך מתיר אנדערע זאכן, החכם עיניו בראשו, די איינציגסטע עצה אז מען וויל בלייבן ערליך, און אויפציהען ערליכע אידישע דורות, איז צו גיין בדרכי אבות, וואס מען איז אמאל אוועקגעשטאנען פון די זאכן. מען זעהט ווי די פריערדיגע גדולים האבן נישט מתיר געווען בשום אופן, אזא זאך אז פרויען זאלן זיך לערנען שפילן כלי זמר, אפילו נישט צו זינגען אפילו סתם לצורך פרנסה.**

אין דעם זכות אז מען וועט אוועקשטיין דערפון, וועט אוודאי דער אייבערשטער דערפרייען אידישע הערצער, נאר דער אייבערשטער קען דערפרייען אידישע הערצער און געבן פאר יעדן איינעם מנוחת הנפש, און מנוחת הגוף און געבן אלע השפעות טובות אמן כן יהי רצון.

*

בדרך אגב, עס קומט יעצט דער הייליגער יום טוב חנוכה, איז אויך ליידער שוין עטליכע יאר איינגעפירט, אז מען מאכט חנוכה פארברענגען,

מיט'ן גוי'אישן נאמען "חנוכה פארטי'ס", ווי עס קומען זיך צוזאם גאנצע משפחות, ברוך ה' די משפחות ווערן גרעסער, קינדער ווערן עלטער, מען קומט מיט גאנצע משפחות אויף זייער נישט א אויסגעהאלטענער וועג ליידער.

עס קומען זיך צוזאם קרובים, קאזינס, אינגלעך און מיידלעך, בחורים און מיידלעך, מענער און פרויען, עס קומט זיך צוזאם א גרויסער עולם מען איז דאך משפחה, עס איז כמעט אוממעגליך, עס זאל נישט ארויסקומען קיין מכשולות ח"ו, מען דארף זיך זייער דערווייטערן דערפון. די עלטערן די זיידעס און די באבעס, האבן א מורא'דיגער אחריות נישט צו צולאזן אזעלכע סארט פארברענגען וואס עס איז דא דארט א חשש פון תערובות, פון ראיות אסורות, עס האט נישט קיין שום היתר בעולם פון ראיות אסורות ביי קאזינס, א בחור טאר נישט קוקן אויף זיין קאזין מיידל, אדער א שוואגער אויף א שוועגערין.

למעשה ווען מען פארברענגט א משפחה אינאיינעם, מען שפילט אינאיינעם וכדומה, מען לאכט ארום אינאיינעם, עס איז נישט מעגליך, עס זאל נישט ברענגען קיין מכשולות.

דאס איז דער היפך פון די הייליגע חנוכה ליכט. די גאנצע נס חנוכה איז געווען געבויעט אויף דעם, וואס די שוועסטער פון די חשמונאים האט זיך מוסר נפש געווען אויף צניעות, אויף כבודה בת מלך פנימה, דאס דארף מען ארויסנעמען פון די חנוכה ליכט, מען זאל זיך הייליגן, א איד זאל וויסן די שטוב דארף זיין הייליג א איד דארף זיין הייליג, הנרות הללו קודש הם, אריינברענגען א הייליגע ליכטיגקייט, אין אלע אידישע שטיבער.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל ליכטיג מאכן די אויגן, מען זאל וויסן צו גיין בדרך הישר, אויפ'ן אלטן אויסגעטראטענעם אידישן וועג, און דאס אוודאי' וועט אראפברענגען פון הימל אלע השפעות טובות אויף אידישע קינדער.

חנוכה איז דאך דער גמר חתימה טובה, פון די הייליגע טעג, אידן זאלן האבן א גמר חתימה טובה, א זיס יאר א ליכטיג יאר, אלע מיני השפעות טובות, ברוחניות ובגשמיות ביז בקרוב וועט מען זוכה זיין, צו ערכתי נר למשיחי, בביאת משיח צדקנו, במהרה בימינו, אמן.

נפסדו, כמו כן יש להוכיח לאותן שעדיין לא נתקלקלו במכשול זה, וכמאמר א' מהצדיקים שיש לומר תהלים כדי שלא נצטרך לומר תהלים, ויש לטבול במקוה כדי שלא נצטרך לטבילה, ויש להוכיח כדי שלא נצטרך להוכיח, ודו"ק.

**ועובדא** ידענא שכ"ק אדמו"ר דו"ז בעל קרן לדוד זללה"ה היה לו תלמיד א' נגיד אשכנזי ממגולחי זקן שהיה עוסק במסחר של כלי זמר שקורין קלאוויר, והיה לו בזה חנות גדולה, ושאל את רבו כ"ק דו"ז הנ"ל היות כי חסר לו במסחרו שבתו תסייע לו במסחרו ובבוא קונה לקנות כלי זמר הנ"ל יש צורך להראות לו טוב הכלי, וע"כ ביקש שיתיר לו רבו שישלח את בתו למקום שמלמדין איך לזמר בכלי שיר הנ"ל, לא ח"ו בשביל דבר פריצות, רק למען תוכל לשמש את הקונים, ולא התיר לו. תא חזו מה בין דור שלפנינו לדורינו זה, דעתה אין שואלין על זה שאלה, ואם שואלין בודאי מזדמנים רבנים שמתירין כמובן.

וה' יערה עלינו ממרום רוח טהרה ויקויים בנו מקרא שכתוב (ישעיה י"א ט') ומלאה הארץ דעה ע"ד שאחז"ל (שבת ל"א ע"א) ודעת זה סדר טהרות.

והנני בזה ידידו דושתה"ר באה"ר ומצפה לישועה בתוך כל המיחלים לחסדו.

א' דר"ח מרחשון תשי"ט.

## סימן מב

### עוד להגה"צ הנ"ל

ב"ה, יום ד' לס' שמיני, י"א למב"י תשח"י לפ"ק.

**אחדשה"ט** ושתוה"ק בא"ר, יקרת מכתבו הגיעני לנכון. ואת אשר דרוש דרש

מעכ"ת ידידי נ"י בלהבות אש למנוע התועבה אשר נעשתה גם אצל בני תורה שלומדים בנותיהם הקטנות לנגן ב„קלאוויר" ר"ל. טוב עשה מעכ"ת נ"י בדבר הזה לדרוש כהלכה, ואשרי שלו ככה לעמוד בפרץ כי זה הוא מעשה בליעל להפקיר בנותיהם לגדלם על דרכי הפריצות להיותן מעוברי עבירה להרבות שחוק וקלות ראש, ואמרינן בפרק א"ע (ברכות לא ע"א) אסור לאדם שימלא שחוק פיו בעולם הזה, ובמסכת סוטה (מ"ח) א"ר הונא דשמעא זימרא תיעקר אמר רבא זמרא בביתא חורבא בסיפא שנאמר (צפניה ב' יד) קול ישורר בחלון חרב בסף, ואיתא בש"ע או"ח (סי' תק"ס ס"ג) וכן גזרו שלא לנגן בכלי שיר וכל מיני זמר וכל משמיעי קול של שיר לשמח בהם ואסור לשומעם מפני החורבן, ואפילו שיר בפה על היין אסורה, והב"ח והשלה"ק פסקו להלכה דכל שאינו שירות ותשבחות או לשמות חתן וכלה אף בפה אסור אפילו בשבתות וי"ט, הובא ג"כ בבאה"ט שם .

**ואין** מקום לבעל דין לחלוק ולומר דלהתלמד שאני, שהרי אם נאסור ללמד לנגן בכלי שיר מי ינגן לשמח חתן וכלה שהיא מצוה גדולה לשמחם, ובאמת אמרינן בברכות (מ"ג) כל אומן יפה לו הקב"ה אומנתו בפניו, אמר רב פפא היינו דאמרי אינשי תלה ליה קורא לדבר אחר ואיהו דידיה עביד, ופי' רש"י יפה לו אומנתו, ואפי' בורסי נאה לו אומנתו בעיניו ועשה הקב"ה כן שלא יחסר העולם אומנות. הרי שע"כ מוכרח להיות כן בכל אומנות. אמנם עכ"ז אמרו (קידושין פ"ב ע"ב) אשרי מי שאומנתו בושם, ואוי לו מי שאומנתו בורסקי, ואם אמרו כן מחמת נערא דגופא ליעץ להתרחק מאומנות בורסי, עאכו"כ צריכין להתרחק מאומנות שהיא סכנה לנשמה והיא בדוק ומנוסה שכל המתלמדים בקטנותם לנגן בקלאוויר המה ארח לחברה פועלי און ומתגדלים על דרכי הפריצות.

**ועובדא** ידענא שהייתי מכיר רב נכבד אחד שהי' לו בת שהיתה לה קול מיטיב נגן והיתה משמחת ומתפארת בקולה שהי' עד להפליא וגם אביה הי' נהנה לשמוע קול ערב שלה עד שבאו בה פריצים וחללוה ובכל מיני שחוק וקלות ראש שעשו אנשי רשע ופריצים שכרוה להיות משמחת אותן בקול זמר שלה עד שגם אביה היא מחללת ונעשה

לבוז ולקלון, והי' מצטער על המעלה של הניגון שהי' לבתו כי המעלה הזאת הורידה לשאול תחתית ר"ל. וא"כ מי זה יערב אל לבו להניח בתו ללמד בכלי שיר, וכי בידו היא שלא תזמר רק לדבר מצוה, ובפרט בדור פרוץ כזה שבעו"ה הפרוץ מרובה על העומד וצריכין שמירה מאד לזכות לגדל הבנים על דרכי התורה ומכ"ש הבנות, וכמו שאמרו חז"ל (במ"ר במדבר י"ג ה') יברכך ה' בבנים וישמרך בבנות שהבנות צריכות שמירה, ואם יהיה מסייע לגדלה בדבר שהיא סכנה לבוא למכשולות הרבה, היאך יזכה לשמירה מהקב"ה, הרי זה דומה להא דאמרינן בברכות (ל"ב ע"א) אמר רחב"א א"ר יוחנן משל לאדם אחד שהי' לו בן, הרחיצו וסכו והאכילו והשקהו ותלה לו כיס על צוארו והושיבו על פתח של זונות, מה יעשה אותו הבן שלא יחטא.

והנני בזה ידידו הדוש"ב בלונ"ח

הק' **נפתלי הירצקא העניג**

הוצאת ספרים
אין אידישער שפראך
בתי חינוך לבנות
בית רחל
דרבינו יואל מסאטמאר
נתייסד על ידי רבינו קוה"ק זי"ע
בנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א



## צניעות ביים זינגען

**א** אידישע טאכטער טאר נישט זינגען ווען מענער הערן, סיי אין שטוב און אוודאי נישט אין דער פרעמד וואו מענער קענען הערן. אזוי האט מען זיך טאקע געפירט אלע דורות, אלע שבתים און ימים טובים פלעגן די מענער צו זינגען שירות ותשבחות פאר השי"ת ביים דאווענען, ביי די סעודות, ביי אנדערע געלעגנהייטן. אבער די פרויען האבן נישט מיטגעזינגען נאר אויסגעהערט.

**אויך** ביי חתונות וואו עס איז פון די גרעסטע מצוות משמח צו זיין חתן וכלה, פלעגן פרויען נישט צו זינגען. דער מוזיק פלעגט צו שפילן און די פרויען האבן געטאנצט פאר די כלה, זעלבסטפארשטענדליך נישט אין געגנווארט פון מענער. אלעס איז געווען בקדושה ובטהרה, אז קיין מענער זאלן ח"ו נישט הערן זינגען און נישט זען פרויען טאנצן.

**די** תורה הקדושה האט אונז באקרוינט מיט די מדה פון ביישנות, שעמעוודיגקייט. א אידישע טאכטער מיט אן עכטן אידישן שטאלץ, האט זיך אלעמאל געפירט צוריקגעצויגן און שעמעוודיג קעגן מענער.

ביי גראטולעישאנס און אנדערע פלעצער וואו דאס איז א שמחה של מצוה, און עס איז נישט דא קיין מוזיק, און עס איז דא א מעגליכקייט, אז מענער, שכנים אדער דורכגייערס, זאלן קענען הערן, דארף מען זייער פארזיכטיג צו זיין נישט צו זינגען, נאר אויף אנדערע וועגן און אופנים זיך משמח צו זיין און דערפרייען אנדערע.

**ביים** איסור פון הערן פרויען זינגען, איז קיין שום חילוק נישט צי איינע, צוויי אדער עטליכע זינגען. אפילו מערערע פרויען צוזאמען טארן מענער אויך נישט הערן זינגען.

**אין** בתי חינוך לבנות וואס געפינען זיך אין אידישע געגנטן, דארף מען צו זיין זייער פארזיכטיג אז שכנים און דורכגייער׳ס, מענער, זאלן קיינמאל נישט הערן קיין קול באשה. אפשר קען מען האבן פארמאכטע פענסטער, אפשר אנדערע עצות, אבער יעדנספאל דארף מען זיכער צו מאכן אז דאס זאל נישט ברענגען קיין שטרויכלונגען פאר קיין שום איד. דאס איז קיין שום תירוץ ״**זאל יענער אוועקגיין**״, אדער ״**זאל מען נישט קומען דעם וועג**״, דאס זענען תירוצים פון יצר הרע, און זיינע שלוחים. עס איז זייער שווער תשובה צו טאן אויף דעם וואס מען מאכט אן אנדערן זינדיגן.

**דער** ספר חסידים ברענגט, אז א בעל עבירה האט געבעטן א תשובה אויף זיינע עבירות, האט מען אים געענטפערט: ״אויב דו וועסט צוריקברענגען אלע נשמות וועלכע דו האסט פארפירט און געמאכט זינדיגן, וועסטו אויך קענען געהעריג תשובה טאן. א אידישע טאכטער וואס וויל זיין חשוב און איידל און וויל הייסן א יראת השם, זאל זיך גוט איבערקלערן קודם, איידער זי וויל זינגען ביי זיך אין שטוב אדער אויף א שמחה, ביחיד אדער ברבים, צי וועט נישט ח״ו ארויסקומען א מכשול פאר א איד איבער איר זינגען. וועלכע כלה וויל, אז ביי איר שענסטן טאג אין לעבן זאל מען ח״ו ברענגען אנדערע אידן צו עבירות?

*

די גמרא זאגט: רבי יוחנן האט זיך געלערנט יראת שמים פון א מיידל, ווען ער האט זי געהערט מתפלל זיין. זי האט געזאגט: רבונו של עולם, דו האסט באשאפן צדיקים און אנגעגרייט פאר זיי א גן עדן, און דו האסט באשאפן רשעים און אנגעגרייט פאר זיי א גיהנם. בעט איך דיך זייער - רבונו של עולם, היט מיך, אז מענטשן זאלן נישט געשטרויכלט ווערן אין מיר, נישט קומען צו קיין עבירה דורך מיר (סוטה כ״ב).

**עס איז טאקע דא חשוב׳ע אידישע טעכטער וואס לערנען זיך אויך פון וועם רבי יוחנן האט זיך געלערנט. נישט נאר זינגען זיי נישט ווען מענער קענען הערן, נאר זיי זינגען קיינמאל נישט אריין אין קיין שום טעיפ אדער רעקארד, כדי קיינמאל זאל זייער קול זינגען נישט קענען געהערט ווערן פון מענער, שפעטערע יארן אויך נישט. מען קען שוין לאנג זיין אויף׳ן עולם האמת און די טעיפס קענען נאך אלץ מכשיל זיין.**

די הייליגע חכמים זאגן, אויב מען האלט זיך צוריק פון צו טאן א זאך ווייל מען טאר נישט, באקומט מען שכר גלייך ווי מען וואלט געטאן א מצוה. און וואס שווערער דאס קומט אן, אלץ גרעסער איז דער שכר.

*

**אין** קעמפ, אויב מענער קומען אדער גייען נאר אדורך, און הערן ווען מיידלעך זינגען זאלן זיי גלייך אויפהערן סיי יחידים און סיי א רבים.

**און** דאס זעלבע זונטאג אין קעמפ, זאל מען ביי מיטאג עסן נישט זינגען אין עס זאל, ווייל געווענליך איז דער קעמפ פול מיט מענער.

**אזוי** אויך איז געווען א תקנה אין קעמפ, אז אויב מען זעט אינגלעך העכער 8 יאר אדער בחורים אין מיידל קעמפ, דארף מען זיי גלייך הייסן פארלאזן דעם קעמפ. (קעמפ אנווייזונגען)

## זינגען ביים דאווענען

**ווי** באוואוסט איז דאס גאנצע זינגען ביי מיידלעך נישט קיין הידור מצוה. זיכער דארף מען זייער פארזיכטיג צו זיין, אויב מען זינגט שוין יא אמאל, אז דאס זאל בשום אופן נישט געהערט ווערן פון מענער, אזוי ווי אין שלחן ערוך שטייט (סימן ע"ה אורח חיים). דעריבער האט רבינו הק' בעל ויואל משה געזאגט פארן מנהל פון בית חינוך לבנות, אז ביים דאווענען זאלן מיידלעך קיינמאל נישט זינגען. מען זאל נישט פארמינערן, ביליגער מאכן דאס גרויסע חשיבות פון דאווענען. דער רבי זי"ע האט דאס געזאגט מיט א שיין משל.

**אמאל** איז א מענטש געקומען אין א רעסטאראנט און האט באשטעלט א טעלער זופ. ווען דער באדינער האט געברענגט די זופ האט דער מענטש באמערקט אז די זופ איז פול מיט פליגן.

**האט** ער אפגעשטעלט דעם באדינער און אים געפרעגט "זאג מיר וואס פארקויפט איר דא, זופ צי פליגן? אויב איר ווילט פארקויפן פליגן דאן דארפט איר דאס פארקויפן עקסטער, נישט צוזאם מיט די זופ, און די זופ דארף זיין באזונדער אן קיין פליגן."

"**דאס** זעלבע איז אויך ביים דאווענען. דאס דאווענען אליין איז זייער א גוטע זאך, אבער דאס זינגען פון מיידלעך און פרויען איז נישט קיין שיינע זאך. פונקט ווי פליגן אין זופ, דארף מען זען נישט אויסצומישן די צוויי זאכן אינאיינעם. ביים דאווענען דארף מען נאר דאווענען און טאמער מען וויל זינגען קען מען זינגען דערנאך, אויך נאר ווען מען איז זיכער אז מענער קענען נישט הערן דאס זינגען."